2

די

# יודישע באָפּערס

אָדער

## דער געשמיסענער סאָלדאַט.

---

אַ װאָהרע ערצעהלונג פון

ע. ב.

---

**פּרייז 2 סענט.**

---

פערלאג פון

די היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני,

128-122 לעאָנאַרד סטריט, ברוקלין, נ. י.

---

HEBREW PUBLISHING CO.,

122-128 Leonard St., Brooklyn, N. Y.

# דרייא נייע ביכער

## יעצט עבען ערשיענען!

## קין'ס צואה.

### פון א. טאַנענבוים.

דיעזע ווערק איז א קריטיק איבער דיא מענשליכע פערדאָרבענהייט, אונד ציינט וויא ווייט דער מענש איז בלוט־דורשטיג אונד אז ער שטעהט ניט פיעל העכער פון א ווילדעס טהיער. אונד אין דער זעלבער צייט איז עס א וויסענשאַפט־ליכע ווערק, וועלכע מאכט אייך בעקאנט מיט פיעלע אינטערעסאנטע זאכען.

**פרייז, 15 סענט.—פאָרטאָ פרייא.**

---

## ניקאָלאַי דער ערשטער.

### פון נ. מ. שייקעוויטש.

א ראמאן פון דעם פערנאנענעם אונד גענענווערטיגען אידישען לעבען אין רוססלאנד, וואו עס ווערט געשילדערט מיט ריכטיגע פארבען דיא לעצטע אידישע צרות אונד פאָגראָמען וואס אידען זיינען אויסגעשטאנען אין צארענלאנד.

**פרייז, 10 סענט.—פאָרטאָ פרייא.**

---

## פאוסט.

### פאָן געטהע.

וועלכע איז א וועלט־בעריהמטע דראמא אונד א וועלט־בעריהמטע אָפערא איז בעאַרבייטעט אין איין ערצעהלונג פאָרמע פון

### א. טאַנענבוים.

דיעזע ווערק איז זעהר אינטערעסאנט אונד יעדער אידישער לעזער וואס האט נאָך קיין מאָל נעזעהען אויפשפיעלענדיג דיעזע וועלט־בעריהמטע דראמא אין איין טהעאטער, קען האבען א פאָלשטענדיגען בעגריף פון דיעזע קונסטווערק ווען ער לעזט דאס בייא זיך אין הויז.

**פרייז, 10 סענט.—פאָרטאָ פרייא.**

## 1.

דאס וואר פאר פופציג יאהר.

יעמאלט האט מען נאך געטראגען לענגערע קליידער. יעמאלט האט מען אבגעגעבען קליינע קינדער אין סאלדאטען. עס וואר א גאנץ אנדערע וועלט וויא יעצט.

הירש וויסמאן איז א יונגער מאן א יאהר פינף און צוואנציג, הויך און שלאנק, שיין און עדעל פון אנזעהן; א ווייסעס געזיכט, שיינע בלאע אויגען וועלכע קוקען זעהר גוט און מילד; ער איז א בלאנדין, טראגט א שיינעם רונדען בערדעל, אויף זיינע שיינע ליפען שוועבט א ליבער שמייכעל.

עס איז שבת אין דער פריה פאר'ן געהן אין שוהל.

הירש שטעהט ביים שפיגעל, קאמט זיך דיא האר פון בארד. ער וואר א שצאנעל. ער טראגט א לאסטינגענע זופעצע א לאנגע, וויא יעמאלט וואר דיא זיטע אונטער אידען; דאס איז א שטאף וואס איז זעהר שטארק, גלאט און טראגט אויף זיך א שיינעם גלאנץ. זיינע הויזען אריינגעלאזען אין דיא שטיוועל. ער טראגט א ווייסעס העמד, וואס ער האט אנגעטאן לכבוד שבת, דאס העמד האט זיך ניט ארויסגעזעהן פון דער וועסטעל וויא היינט איז; עס האט זיך מעהר ניט געזעהען וויא דער קראגען, וועלכער וואר ניט געפלעט נאר אזוי וויס בלאך פון צו פיעל כאזוריק. דיעזער איז זעהר ברייט אבגעליינט אויף דיא שולטערן און אונטער דעם בארד צוזאמענגעבונדען מיט שנירלאך, ניט מיט א האלזטוך וויא יעצט איז דיא זיטע. אויף'ן קאפ טראגט ער א סאמעטענע יארמעלקע, אלעס שיין, יורישלאך. דערביי אויף א שטוהל ליגט זיין טלית, א נייער וויס וויא שנייא מיט א זילבערנע עטרה, ער וויל איהם יעצט אנטאן און געהן אין מנין, דען ער איז א חסיד.

הירש וויסמאן איז א תקיף'ער יונגער מאן, האלט א קראם פון גאלאנטעריע וואַרען; איז פון איין אנזעהנליכער פאמיליע אין שטאדט, איז א למדן און א מושלם וויא פארצייטען פלעגט מען רופען דעם, וועלכער קען עפעס נאך וואס אויסער תלמוד.

מיר האבען געזאגט ער שמעהט און קאמט זיך ביין שפינעל. ער האט זיך ערשט אבגעקעהרט צום פענסטער און קוקט דרויסען פערטראכטער הײם.

ער איז שוין, געזונד און צופרידען.

פלוצלונג האט זיך האסטיג אויפגעריסען דיא טהיר. ער האט ניט פאספּעט זיך אומקוקען, האט ער שוין געפיהלט אויף זיך צוויי פעטש אויףביידע באקען, פונקען איז איהם ארויס פון דיא אויגען. גלייך דארויף האט זיך געלאזט הערען א רייסענדע שטימע א הייזעריגע:

— אזוי איז דאס!׳ דוא ארצענער יונג איינער! דוא וועסט זיך קאמען אום שבת, בן סורר ומורה!

דאס וואר איין אלטער מאן א יאהר עטליכע און פופציג, אלטמאדיש געקליידעט מיט א גראליכען בארד, מיט א רויטען פנים. ער איז צוקאכט, ציטערט פון כעס. דאס איז יעקב וויסמאן דער פאטער פון דעם יונגען מאן.

— דוא טרייפינער יונג!—האט ער זיך ווייטער צוגאסען אין רייד.—איצטער זעה איך שוין, עס איז אלץ אמת וואס מען זאגט אויף דיר. אז דוא קומסט אין ד׳ שלייעסט דוא זיך ארום מיט הולטייעס, מיט בנים משחיתים. וואס טראכסט דוא זיך פארט, דוא יונג איינער! דוא פערשווארצסט מיר דיא אויגען...... איך קען דאך איבער דיר א קאפף ניט אויפהייבען...... אלע טייטען אויף מיר מיט דיא פינגער: אט איז דער טאטע פון דעם יונגאץ, פון דעם פושע ישראל, דוא בן-נעות המרדות.

דער יונגער מאן שטייט און שווייגט, ציטערט וויא א קליין קינד, ענדליך זאגט ער:

— טאטע, וואס האסטו צו מיר? וואס האב איך דאס אזוי געטאן?

— דוא וועסט נאך ריידען, דוא ארץ—עזות -מחוצף—פנים! דוא וועסט נאך האבען א העזה צו ריידען ענטגעגען דיין טאטען, דוא הארצינער יונג, טא נא דיר!

ער האט איהם ווידער אראבגעלאזען צוויי פעטש, האט גענומען טאפען מיט דיא פיס און ציטערן פון וואוטה.

— דוא יונג איינער!—שרייט ער ווייטער,—דוא וועסט נאך זאגען „וואס טהוסט דוא? גיב א קוק אויף דער ערד, עס איז פול האר אנגעשאטען פון דיין בארד וואס דוא האסט אויסגעריסען אום שבת. וואו איז דאס געהערט געווארען אז א איד זאל גלאט קאמען א בארד ובפרט נאך אום שבת? פון יעדער סאס רייסט זיך דאך ארויס האר, אפילו דיא האר פון קאפף טאר מען אויך אום שבת

ניט קאמען...... עס איז ניט קיין קליינינקייט!...... דוא אונפערשעמטער יונג!
דוא נעהסט אריין אין מנין א פערקעמטער, א פערפוצטער אקוראט וויא א קריסט
און יעדער טייט מיט'ן פיננער און זאגט יעקב ווייסמאנס זוהן איז אוועק לתרבות
רעה.... אוי לעזנים שכך שומעות. דוא דארפסט זיך דאך בעגראבען פון בזיונות
צו ווייזען זיך אין א מקום קדוש צווישען אידען! אויף דערויף האב איך דיר דאס
געהארעוועט, נעגעבען צו נוטע מלמדים יראי־אלקים, נעלאזט לערנען אונזער היי־
לינע תורה? פון וועסט ווענען, פרעג איך ביי דיר, אום דוא זאלסט זיין איין
אפיקורות, א בן סורר ומורה, א הולטייא.

— טאטע,—זאגט דער יונגער מאן נעלאסען,—ערגער זיך ניט אזוי און נעהם
זיך ניט דעם לעבען. דוא מאכסט אן פערדרוס גאר אומזאנסט. וואס האב איך
אזוי נעטאן? און וואס האסטו דאס אזוי נעזעהן אין מיר?

— אזוי, דאס איז ביי דיר גאר נישט! מעשה קעמעלע האב איך דאך אליין
נעזעהן מיט מיינע אוינען. און וואס וויס איך? אפשר האסטו נאך א שערעלע מיט
א גאלמעסער אויך דערצו: אויף אזא יונגאץ וויא דוא קען מען שוין אלץ גלויבען.
היינט וואס מען דערציילט זיך אן אויף דיר, דיינע הולטויסטווע, אז דוא קומסט
אין ד' סמרו שערות ראשי. בשעת מיינע אויערן האבען דאס נעהערט. גאר נענוג,
דאס וועט לעננער ניט אויסגעהאלטען ווערען. א סוף! איך וועל מאכען פון דיר א
סוף! גו ארויס! געה אין מנין דאוונען. איך וועל זיך שוין מיט דיר בערעכענען
וואס איך האב מיט דיר צו טאן.

הירש איז נעוועזען א שטילער מענש, האט נעאכטעט זיינע עלטערן, געבען
דעם פאטער צו פערשטעהן וואס רעכט און וואס אונרעכט איז, האט ער נעוואוסט
וועט ניט העלפען, עס וועט איהם נאך מעהר אין כעס אריינברייננען, אלזא האט
ער נעשוויגען און האט נעדולדיג ערטראגען דיא זלזולים פון פאטער. וויטער דיא
פארצייטינע מענשען האבען נעמיינט: וויא נרויס דער אונטערשיער איז צווישען
פאטער און קינד ווען ער איז נאך קליין, אזוי בלייבט דער זעלבער אונטערשיעד
אויף אלע מאהל כאטש ווען דער זוהן איז פופציג און ער איז זיבציג יאהר אלט.
אזוי האט יעקב וויסמאן בעהאנדעלט זיין זוהן הירש וויא א קליין קינד און דיעזער
איז איהם נעוועזן פאקארנע וויא א קליין קינד.

ב.

הירש האט זיך אנגעטאן דעם טלית, האט זיך פערנארטעלט מיט א רויטע פאציילקע, האט זיך צוגעדעקט מיט א ווייסער קאמלעטענעם חאלאט, וויא יעמאלט ווער דיא מאדע און איז אוועקגעגאנגען אין מנין דאווגען.

דער אלטער יעקב איז געבליעבען אליין אין צימער זיצען העכסט אויפגעבראכט און מיט א בעקלעממטען הארצען; ער האט זיך געפיהלט העכסט אונגליקליך.

עס איז אריין נאך איין אלטער מאן יאסעל אנש פון ד׳, דער שווער פון דעם יונגען מאן. דיעזער איז אויך זעהר אונמוטהיג און אין בעס.

— אהא!—זאגט דיעזער,—איך זעה שוין, איהר האט געהאט גענוג פערדרוס און עגמת נפש פון דעם יונגאץ.

— שטייטש, שטעלט זיך פאר: איך האב געפונען דעם יונג קעמענדיג דיא בארד היינט שבת אין דער פריה. נאט זעהט, אט איז דיא קעמעלע, שא! און אט ליגט א שערעלע.... איהר פערשטעהט? ניט אום זיסט איז ביי איהם גלייך דיא בארד, קיילעכדיג.... אוי וויי איז מיר, ווייא איז מיר! איך האב אויפגעהאדעוועט אזא בן סורר ומורה, אוי לאזנים שבך שומעות.

— הערט צו, וואס איך וועל אייך זאגען,—רופט זיך אב דער שווער,—מילא איהר זייט א פאטער, קענט איהר זיך נישט העלפען. איך בין אבער א שווער; איך בין געוויס ניט מחויב צו ליידען. איך וועל אייך דערציילען גרעסערע אקטען, וואס דער יונג טהוט אב, דיא האר וועט זיך אייך שטעלען דובאם. אז ער קומט צו אונז אין ד׳ נאך סחורה, פאהרט ער ניט אריין צו מיר, צו זיין שווער, וויא איין עהרליכער איד דארף זיך פיהרען; נאר ער פאהרט אריין אין א טראקטיר מיט אלע קריסטען צו גלייך, איהר הערט? אין א טראקטיר פאהרט ער אריין, דער פושע ישראל. פון וועסט וועגען איז דאס? נאר אום ניט צו דאבנען, אום צו עסען ניט כשרה, איהר הערט? און אום צו פערברייננגען דארטען דיא אבענדען מיט קארטעוניקעס, הולטייעס און ווער ווייסט? אפשר נאך מיט.... נו איך וויל שוין אזוי ווייט ניט ריידען. לכן זאלט איהר וויסען, ליעבער מהותן, אז איך בין אהער געקרמען נים אומזיסט. איך וויל דער יונג, דער יונגאץ זאל געבען גט מיין טאכטער.

— גט׳ן זיך!—שרייט אויס מיט שרעק יעקב וויסמאן—וואס רעט איהר?

— אודאי יע. איך וויל ניט האבען איין איידעם א הולטיי. ווער קען דאס מיך נויטען? קיין רב וועט דאס מיך ניט צו פסקנען איך זאל האבען איין איידעם

א פושע ישראל, וואס זאָל מיר פערשוואעצען דיא אוינען. און פון איהם זאל מיר ארויסקומען א־דור זרע מרעים, בנים משהיתים. איך זאל ניט האָבען קיין תקומה ניט אויף דער וועלט, ניט אויף יענער וועלט, איהר הערט וואס איך רייד מיט אייך?

יעקב וויסמאן האט פערביסען דיא ליפען און האט ניט געהאט וואס צו ענט־פערן. ער איז גאנץ נערעכט,—טראכט ער ביי זיך,—איך וואלט אויך בעסער ניט געוועזען. עס איז עפעס גרינג אב צו זאגען זיך האבען קינדער אפיקורסים, יונגא־צעס!

— יע, איך וועל אייך ניט לייקענען, מחותן, גערעכט זייט איהר געוויס, נאר איך מיין, מען דארף זיך נאך פרובירען ריידען מיט איהם, מחזיר למוטב זיין, אפשר וועט עס העלפען.

— וואס רעט איהר, מחותן, וועגען מחזיר למוטב זיין? דאס איז א קשה עורף. וויא פיעל מאל האב איך דאס מיט איהם גערעדט........ וויא פיעל מאל האב איך דאס איהם נעמוסרט,—נאר רייד צו דער וואנד. ער שווייגט, הארכט זיך אויס און פון דעסטוועגען טהוט ער ווייטער דיא זעלבע. וואס קומט ארויס אז ער האט ניט קיין אידיש הארץ, קיין אידישע נשמה.

— יע, יע,—זיפצעט דער פאָטער,—איך האב זיך אויך פרובירט איהם נעגוג מוסרן,—עס העלפט גאָר נישט: אין איהם שטעקט א שורש ראש ולענה. פארפא־לען, פארפאלען.... עס איז מיט איהם נישט צו מאכען.

— לכן, ר׳ יעקב, זאלט איהר וויסען, אז איך וויל ער זאל זיך גט׳ן מיט מיין טאָכטער און א מעשה מיט א סוף. מיר קענען זיך בלייבען גאנץ גוטע פריינד, דען מיר זיינען דאך אידען, אבער דעם יונגאץ פאר איין איידעם וויל איך ניט האבען.

— איהר זייט גאנץ גערעכט מחותן, איהר רעט וויא איין עהרליכער איד, נאר אז איהר זאגט זיך אב פון שווערשאפט, וועל איך אייך שוין זאגען דעם אמת, וועל איך זיך שוין אבזאגען פון טאטעשאפט. איך וויל איהם ניט קענען דעם יונג און לאז ער גיין לעזאזל. אין איהם איז דא א רוח הטומאה, טא לאז ער געהן צו דער טומאה.—וויא הייסט עס, זיך אבזאגען פון טאטעשאפט? איך פערשטעה ניט, —גאנץ פשוט, איך וועל פערשטאפען מיין הארץ נעגען איהם, איך וועל מיינע רחמנות פערקעהרען צו איהם צו אכזריות. איך וועל איהם אבגעבען פאר א סאל־ראט.

— פאר א סאלראט זאגט איהר?

— יע, יע, וואס וואונדערט איהר זיך דא? דאז ווילט איהר איהם ניט האבען

פאַר איין איידעם, ווייל איך איהם ניט האָבען פאַר א זוהן. שטעלט זיך פאַר איההר וועט איהם אָבנעמ'ן.... דיא נעשיכטע וועט ווערען פול גאַנץ שטאָט, איך וועל דאָך אויפ'ן נאָס ניט קענען ארויסנעהן פון חרפה און פון בזיונות...... אלע וועלען זאָגען, דער טאַטע איז ניט בעסער פאַר'ן זוהן, איך וועל דאָך דאָס ניט אריבער לעבען. אָם שיידען איהר וועט ניט וועלען איהם גט'ן דאן וועל איך איהם אויך נישט טאָן.

— ניין, ניין, רעט נאָר ניט. גט'ן מוז איך איהם.

— אויב אזוי מוז ער נעהן פאַר א סאָלדאַט. איך וועל אליין נעהן צו כלב דעם מנהיג און וועל איהם בעטען, ער זאָל איהם פון מיר צונעהמען און א מעשה מיט א סוף. ער וועט זיך נאָך פרייען אויף דער מציעה, וואס וועט איהם אָנקומען אזוי גרינג. דערצו בין איך נאָך א גלאַסנער, מיינע דברים זיינען א ביסעל נשמעים. דערמיט וועט זיין עטליכע פעולות: ראשית וועל איך איהם, דעם יונגאַץ און דיא אוינען ניט זעהן, שנית וועט ער א ביסעל אבקומען פאַר זיינע חטאים, וועלכע זיינען זעהר פיעל, ושלישית איז טאַקע א מצוה אויך דערביי. איך וועל מקיים זיין ובערת הרע מקרבך אה למן ישמעו ויראו. דיא יונגאַצעס וועלען זעהען, וועלען זיי זיך אראָבנעהמען א מוסר.

— יע, יע, ר' יעקב, איהר זייט גאַנץ גערעכט,—איז מסכים דער שוהר— איהר זייט טאַקע איין עהרליכער איד, אויף מיינע אידישקייט! הלואי וואָלט איך זיך מיט איהם ניט נעגארט, וויא איך האב זיך מיט אייך ניט נעגארט. איהר וועט טאַקע טאָן א גרויסע מצוה, וויא איך בין א איד; איהר וועט דערמיט אָבוואשען אלע פלעקען, וואס דער יונג האט אויף אייך נעמאַכט. יעמאַלט וועט טאַקע זיין והייתם נקיים וכו'.

— אבגעמאַכט, אזוי בלייבט עס.

— יע, און וואס וועט זיין מכה דעם גט? טאָמער וועט ער ניט וועלען געבען?

— ווער כרענט דאס ביי איהם? וואס האט ער פאַר א דעה? איך וועל איהם הייסען, וועט ער שוין פאָלגען, נשקשה. איך בין דאָך עפּעס א טאַטע, און וואו איז כבד את אביך?

— ער איז דאָך אָבער א יונגאַץ.... א קשיה אויף א מעשה, עס קען נאָך זיין, ער וועט אייך אויך ניט וועלען פאָלגען.

— נו, יעמאַלט וועט ער שוין זיין אונטער'ן שערען פלאַשץ. מען וועט איהם אריינהאַקען פּופּצינג רימער, וועט ער שוין טאָן וואס מען וועט איהם הייסען. נו

נענוג, מיר האבען זיך שוין צופיעל פערשמועסט. מען דארף געהן דאבנען. מען מח שוין אודאי האלטען ברכו.—דיא ביידע עהרליכע אידען, דער פאטער און דער שווער פון דעם יונגען מאן זיינען גלייך אוועקגעגאנגען.

---

### 3.

אמאליגע יאהרען איז א סאלדאט געווען ניט דאס וואס היינט. יעצט בעטראבטעט מען א סאָלדאט אלס מענש, גוטע זאקאנעס בעשיצען איהם, מען דארף איהם ניט שלאגען און ניט שלעכט בעהאנדלען, ער דינט נור קנאפע פיר יאהר און בלייבט אַ מענש מיט אַלעמען צו גלייך און דיא סלוזשבע אַליין איז אויך זעהר גרינג; דיא נאַצאַלסטוואָ זיינען געבילדעטע מענשען און פערשטעהען וואס רעכט און אונרעכט איז. אמאָל איז ניט אזוי געווזען. ווער עס איז נאָר אַריינגעפאַלען אין סאָלדאטען, איז שוין געווען פערלאָרען אויף צייט לעבען. ער האָט געדינט פריער פינף יאָהר אַלס רעקרוט, און נאָך דעם גאַנצע פינף און צוואַנציג יאָהר, דיא רעכטע בליהענדע און מיטעלע יאָהרען; ווען ער איז אַרויס פון סלוזבע, איז ער געווען איין אַלטער מאַן, אַ קרענקליכער און אָפטמאַל אַ קאַליקע, האָט מעהר ניט געטויגט אויף דער וועלט וויא צו געהן מיט אַ טאָרבע און בעטלען. ראַז איז ער געווען אַ סאָלדאַט, האָט ער שוין פערלאָרען זיין ווערטה אַלס מענש, מען האָט איהם בעטראַכטעט אַלס פיה; מען פלעגט איהם שלאָגען פאַר יעדע קליינינקייט אָהן רחמנות, אַז דיא קנעפּלאַך זיינען געווען ניט גוט פערשפּילעט אָדער ניט בלאַנק אויסגעפוצט, אדער רימענס, פלעגט מען איהם אַריינצייילען פינף און צוואַנציג רימער, דאס וואַרען ניט ריטלאַך, נאָר וויטצעס לאַנגע, דער לייב פלעגט ווערען געשוואָלען, בלוט פלעגט שפּריצען און מען פלעגט נאָך אימער שמייסען. זיין גאַנצעס לעבען האָט דער סאָלדאַט פערבראַכט אין איין מוצענע, האָט ניט געהאַט קיינע רוהע. דאָ דיא אוצעניע וועלכע פלעגט צוגעהען נאָר מיט פּעטש און חרוקעס אין האַרצען און אין דיא ליידיגע צייט האָט ער קיין אַנדער עסק ניט געהאַט וויא צו ויסען און פוצען דיא רימענס און צו שייערן זיין מעסענע קאַסקע און דיא קנעפּ. ניט אומזאָנסט איז יעמאָלט געווען גרויסע קלאָגען ווען מען האט געדאַרפט געהן אין סאָלדאַטען. דיא שרעקען בילדער פון פאַרצייטען זיינען נאָך היינט געבלי־ען אין געדעכטניס פון דעם פאָלק און פון יעמאָלט אָן ציטערט מען פאַר וואַיענע סלוזבע, אָבער אַז א יונגער מענש זאָל זיך היינט פאַרשטעלען דאס פערצייטינע

לעבען פון א סאָלדאט אין פערגלייך מיט דעם יעצט־נעז, דארף ער היינט נעהן מיט שמחה אין וואיענע סלחבע און זיך פרייען וואָס ער איז ניט נעבאָרען געוועזען אין יענע שרעקליכע צייטען. מען דארף דאָך דינען אין מען מוז.... עס קען דאָך אנ־דערש ניט זיין, זא איז גלייכער אז מען זאָל דאס אננעהמען פאר גוט און וולעו איספּאָלנייען זיין אביאזנאסט און מען דאַרף זיך בערענקען אז דיא אלע שרעקען וואס איהם דוכט זיך אב אין וואיענע סלוזבע, איז דאס נאר געבליבען פון דיא אמאלינע שווערע צייטען, אבער היינט זיינען דיא אלע שרעקען ניטא.

היינט דאס אריינטרעטען אליין אין דיא מיליטער־דינסט איז געווען שוידער־האפט. מען פלעגט נעהמען, דאס הייסט כאפּען דיא נפשות (וויא מען פלעגט יע־מאלט זאגען) מיט גרויס מערדערייא. עס זיינען יע געווען זאקאנעס ווער עס זאל געהן אבער דער סטאראסטע (מנחיג, וויא מען פלעגט יעמאלט רופען) האט גע־קענט איבערמאכען וויא ער האט אליין געוואלט. א בן יחיד, אויב ער איז נאר געווען אין ארעמאן, פלעגט מען צושרייבען צו א גרויסע פאמיליע און ער פלעגט געהן פאר א קרבן פאר זיי, פון א פערציג יאהרינען וואס איז א פאטער פון עטלי־כע קינדער, פלעגט מען מאכען פאר א צוואנציג יאהרינען און מען פלעגט איהם אבנעבען, מען פלעגט איבערשרייבען אין דיא ביכער אום צו מאכען דיא פאפירען וויא עס האט פאר זיי בעסער געלוינט און דער מנהיג האט געטאן וויא ער האט געוואלט. פאקטיש האט ער געהאט א גרענעצלאזע מאכט, האט געטאן מיט דעם ארעמען קלאסע וויא א וואלף אונטער א שטאדע שעפסען. דער ציעל איז געווען נאר געלד, עס פערשטעהט זיך, נאר דיא מאסקע איז געוועזען יראת שמים און אידישקייט. ווען מען האט געדארפט אבגעבען, איז שוין יענער געווען א יונגאץ, איין אפיקורס און מען דארף שוין מקיים זיין ובערת הרע, זאלסט אויסראמען דאס שלעכטע. היינטיגע צייטען געהט מען דינען עפ"י גורל, דאס הייסט, וויא עס איז בעשערט פון גאט, אבער יעמאלט האט דער מנהיג געטאן וויא ער האט נאר גע־וואלט, פלעגט נאך אבגעבען איבעריגע וויא פיעל ער האט געדארפט און דיא קווי־טאנציעס האט ער פערקויפט פאר אנדערע שטעדט און געהמען דאס געלד צו זיך.

עס איז געווען איין עכטער שקלאפענהאנדעל. נאצאלסטווא האט דארויף ניט אכ־טונג געגעבען; זיא האט נאר געפאדערט א געוויסע צאהל פון קהל און ווייטער האט איהר קיין זאך ניט געארט. דאנאסירען אויף אזעלכע מערדערייא האט מען מורא געהאט, ווייא איז געווען דעם, אויף וועלכען דער מנהיג פלעגט ווערען אין כעס, ער איז שוין געווען פערלארען, מען האט איהם שוין אומגעמאכט פאר וואס מען האט געוואלט און מען האט איהם אבגעגעבען.

דער מנהיג האט נעהאט אונטער זיין קאמאנדא א וואטאגע חאפער, גראבע יונגען, פיאניצעס, גנבים און רוצחים. זיי פלעגען ארומפאהרען ביי דער נאכט מיט א פוהר געשפאנט מיט צוויי, דריי פערד, פלעגען האבען מיט זיך העק און לאקען צו ברעכען דיא טהירען, פלעגען זיך ביי דער נאכט אריינרייסען אין דיא הייזער וויא דיא וועלף אין א שטאדע שעפסען און פלעגען אוועקרייסען מאנען פון דיא ארמען פון זייערע ווייבער, קינדער פון דיא מוטערס שוים, דען מען פלעגט יעמאלט אבגעבען קליינע קינדער איבערהויפט. עס פלעגט ווערען א פאניקא אין שטוב, טויט שרעקענים. זיי פלעגען בעפאלען דיא אונגליקליכע מיט רציחה און נים זעלטען פלעגט זיך דאס אבטאן מיט בלוט פערגיסען. עס פלעגט ווערען א דראקע, א גע־שלעג, מען פלעגט זיך שלאגען מיט לאפעטעס, מיט העק און אלע מאל פלעגען אויספיהרען דיא באפער. זויא פלעגען אוועקשלעפען דאס אונגליקליכע שעפסעלע מעהר טויט וויא לעבעדיג און פלעגען לאזען פאטער און מוטער, ברידער און שוועסטער זיך באדענדיג אין טרערען.

אין דער עפאכע, וואס מיר בעשרייבען, פלעגט מען נעהמען קליינע קינדער, צעהן יאהריגע, אכט יאהריגע. עס פלעגט זיין שרעקליך צו זעהן א פארטיע רעק־רוטען אידישע קליינע קינדער פון פערשידענע וואוקס, פון פערשידענע יאהרען, פלעגען טראגען סערע שינעלען אלע פון איין פאסאן, דען מען וועט דאך נים האַ־בען צו טאָן לאָזען נייען פאר יעדערן נאָך זיין מאָס. זאָ פלעגען זיי טראָגען לאנגע שינעלען פערקאסערט דיא פאָלעס ארויף, פערקאסערט דיא ארבעל און מיט א גרויסע, שווערע היטעל פון סערע געוואנד וואס דאס קינד פלעגט בלייבען אין קרעפ־טען מראָגענדיג.

אזעלכע סאָלדאטען און אזוי וואר זייער שיקזאל אין יענע יאָהרען.

---

4.

עס איז פאָראיבער צוויי וואָכען צייט.

עס איז פרייטאג צו נאכט. ביי הירש ווייסמאן אין שטוב איז פרייליך און ליכטיג. דער טיש איז געגרייט מיט א שניי־ווייסען טישטוך, דארויף שטייען פינף לייכטער בלאנק געפוצט מיט פינף ליכט, וועלכע ברענען העל ליכטיג, לאָמפען און שטערן ליכט ווארען נאָך נים אין יענער צייט. אויף דיא וועגט הייגגען לוסטרעס אויך אנגעשטעקט מיט ליכט לכבוד שבת. אויף דעם טיש פון איין זייט ליגען צוויי

חלות פון קרופּצאַטקע מעהל צוגעדעקט מיט א חלה טישטוך אויסגעשטריקט מיט א מגן דוד, זיין ווייבס ארבייט. עס שטייען צוויי פּריבאָרען טעלער, גאבעל מעסער, א קאראפין מיט ווין אויף קידוש מיט א זילבערנעם בעכער דערבייא. אין שטוב איז ריין, זויבער צוגעקליבען לכבוד שבת. זיין ווייב ביילע לאה, א יאָהר דריי און צוואנציג, זעהר שיין און חנעוודיג, טראָגט א העללעס, וואָלענעם סקייד געניים נאָך יענער מאָדע, אויף קאָפּף א האָרבאנד פון שווארצעם אַטלאַס, דען פּארוקען טראָגען וואר יענע יאָהרען א הולטייסטווא.

אויף א הויבען שטול לעבען טיש איז געזעסען א קליין קינד, א מיידעלע א יאָהר פיער און האָט זיך געשפּיעלט. דיא ווייבעל איז ערשט אויסגעגאַנגען שמונה עשרה און קאָנצעט דאוונען מעריב אין איהר גרויסען קרבן מנחה. זיא קעהרט זיך אב, האָרכט זיך איין צו נעהט ער שוין. זיא ווארט אויף איהר ליבען הירשען, וועלכער דארף באלד קומען פון מנין.

זיא האָט זיך פערטראַכט.

זיא האָט זיך דערמאָנט, דערביי געבען זיי בויט מען א נייעם הויז; עס אר־בייטען דייטשע פּלאָטניקעס, מורשציקעס, עס קומען זייערע ווייבער ברייננען זיי עסען, זיי אומארמען זיך, קוסען זיך, שטיפען און שעמען זיך פאר קיינעם. וויא נוט זיי איז, וויא גליקליך זיי זיינען! זיי קענען ארויסווייזען זייערע הערצליכע גע־פיהלע.... זיי קענען ארויסזאגען וויא זיי ליבען זיך. פאר וואָס טאָר דאָס א אידיש קינד נים?—טראכט זיא ביי זיך. איך האָב איהם אזוי ליעב, מיין טהייערן און טאָר דאָס איהם נים זאָגען. מיין הארץ ברענט פאר ליעבע צו איהם און איך מוז דיעזע געפיהלען נידערדריקען. ווען ער אומארעמט מיך אזוי צערטליך, מיין הארץ צר־שמעלצט אין מיר פון נחת און איך מוז איהם אָבשטויסען פון מיר נים ווילענדיג, וייל איך בין א יודישע טאכטער און מיין פאָטער זאָגט אז א יודיש קינד דארף זיך נים פיהרען וויא דיא כריסטען. זאָל דיא ליעבע זיין א זינדע? איז דאס אמת? מיין שכל פערשטייט דאס נים.

זיא נים א זיפץ.

— איך זעה,—רעדט זיא ווייטער צו זיך,—איך זעה רייכע קריסטען פאָהרען אָדער געהען שפּאצירען מיט זייערע ווייבער נעאָרמט איבער דיא גאסען פון שטאָט און שעמען זיך נים. זיי שמאַלצירען נאר אויף זייער ליעבע, אויף זייערע טרייהייט, —און ביי אידען פיהרט זיך דאס נים, יודען זיינען עם קדוש, זיי טראַכטען נאָר אָן יענע וועלט און דא אויף דער וועלט טאָרען זיי קיין גוטעס געניסען, זיי דארפען פון דער וועלט קיין הנאה האָבען. מיין טהייערער, מיין הירשע, ליעבט מיך אזוי......

ער אומארעמט מיך, ער קוסט מיך, דערפאר רופט איהם מיין פאטער יונגאץ אפיקורס. ווען ער, מיין טהייערער, פרעגט מיך צו איך ליעב איהם,—שווייג איך.. איך קען אזעלכע ווערטער פון מיין מויל ניט ארויסלאזען, ווייל איך האב מורא, טאמער איז דאס א זינדע און דערווייל מיינט ער, אז איך ליעב איהם ניט, אז מיין הארץ איז ניט גאנץ צו איהם. א, וויא פערוואונדעט איז דאס מיין הארץ דער־פון!

עס האט זיך געעפענט דיא טהיר און עס איז אריין הירש וויסמאן צוגערעקט מיט זיין ווייסער קאמלעטענעם חאלאט וויא יעמאלט וואר דיא מאדע. ער זאגט איהר מיט א ליעבליכען שמייכעל: גוט שבת! זיא ענטפערט איהם גוט יאהר פון אויפגערעגטהייט וויא זיא וואלט מורא האבען טאמער לעזט ער איהרע געדאנ־קען.

ער גיט א קוס דאס קינד און נעהמט ארומגעהן איבער'ן שטוב און זאגט שלום עליכם מיט א זיסען ניגון. זיא איז געזעסען און האט געדייט הערענדיג. ער קומט צו אשת חיל מי ימצא, גיט ער אויף איהר א קוק מיט א שמייכעל און זאגט: דאס מיין איך דיך ביילע-לאה'ינקע. זיא גיט א שמייכעל און זאגט: זיי דאך ניט מפסיק. אין הארצען האט זיא אבער געוואלט ארויף פאלען אויף איהם און איהם צוקוסען. נאר זיא האט זיך געשראקען פאר דעם געדאנקען אליין.

— אי,— זאגט ער מיט א ליבליכען פארוואורף, -דוא לאזט זיך גאר קיין לאסקע ניט געבען. גיט שוין ליעבסט דוא מיך ניט, ביילע לאה'ינקע?

— א—ענטפערט זיא מיט א הייזערינער שטימע,—רייד דאך ניט אזעלכע רייד.

— איך פערשטעה אז דוא ליעבסט מיך, מיין טייערינקע, נאר דו זשענירסט זיך דאס צו זאגען.

— א אידישע טאכטער דארף זיין א שעמעדינע,—לאכט זיא.

— דאס האט דיר דיין טאטע געזאגט. אי דיין טאטע!

א פינסטערער וואלקען האט זיך איבערצויגען איבער'ן שטערן.

ער קאנצעט זאגען אשת חיל, געהט צו צום טיש, גיסט זיך איין דעם בעכער מיט וויין. זיא שטעלט זיך מיט עהרפורכט, ער מאכט קידוש מיט א זיסען ניגון, איהר הארץ האט געטאנצט פון נחת. ער טרינקט אויס א האלבען בעכער, דער־לאנגט איהר, זיא טרינקט דאס איבעריגע און טראכט ביי זיך: וויא זיס איז דער וויין וואס ער האט געטרונקען.

ער נעהמט אן וואשט זיך. זיא וואשט זיך אויך. זיי זעצען זיך צום טיש. זיא דערלאנגט דיא פיש, גיט איהם א גרעסערן און שענערן חלק. ער הייבט אן, דאן נעהמט זיא אויך עסען. ער קוקט אויף איהר זעהר מילד, לייגט ארויף זיין האנד אויף איהר שולטער, נעהמט זיא צודריקען צו זיך. זיא שטופט איהם פאמעליך אב און זאגט: הער דאך אויף, עס פאסט ניט:

— קיינער איז דאך דא ניטא און פאר וועמען דארף איך זיך ושענירען, מיין טהייערע? דוא ביזט מיין לעבען, מיין נחת.

ער גיט איהר א קוס, זיא ענטפערט איהם מיט א קוס. זיא איז געווארען רויט, זיא פערשטעלט איהרע אויגען מיט איהרע הענד, זיא האט זיך געשעמט פאר זיך אליין.

— לאינקע, וואס שעמסטו זיך אזוי? איך בין דאך דיין מאן, ניט קיין פרעמדער.

— מיין פאטער!...... גיט זיא א זיפץ.

— אי, דיין פאטער! ניט מיין, לאינקע, אז אלץ וואס דיין פאטער מיינט און טהוט איז דאס אלץ רעכט. דיין פאטער איז איין עהרליכער איד, יע, אבער אירייש-קייט אהן א גוט הארץ און אהן פערשטאנד וויא צו לעבען אויף דער וועלט, איז נאר נישט.

— רייד ניכט אויף מיין פאטער, איך בעט דיך.

זיא האט איהם ניט גערופען מיט'ן נאמען. פארצייטען פלעגען דיא יונגע ווייבלאך עטליכע יאהר נאך דער חתונה ניט רופען זייערע מאנען מיט'ן נאמען און פלעגען זיך נור בעדינען מיט דעם ווארט דוא. אבער וויא פיעל רייץ, וויא פיעל ריינע ליבע האט זיך דאס אויסגעדריקט אין דיזעם ווארט!

— נו זאג דאך מיר, דוא, האט זיא אנגעהייבען אומצווועגדען דאס געשפרעך אויף א זאך, וואס איז ערלויבט:- האסטו עפעס היינט גוט געלייזט? אבער דעם היילינגען שבת קען איך פרייטאג א גאנצען טאג פון שטוב ניט ארויס. מען איז אלץ פערטאן, פערהארעוועט.

— געלויבט איז גאט!—ענטפערט ער.—גאנץ גוט, אונזער געשעפט שטייגט ב"ה פון טאג. אונזער פערמעגען איז היינט דאפעלט וויא פאר א יאהרען איז געוועזען. מיר וועלען מיט דער צייט אי"ה ווערען נגידים און קענען טאן גוטעס ארעמע מענשען. מיין גאנצער געדאנקען איז, דער אויבערשטער זאל מיר העלפען איך זאל זיין אים שטאנדע זייטען גוטעס צו טאן.

— א דאנק דעם אויבערשטען,—ענטפערט זיא.—עס איז אלץ גוט, נאר איין זאך מאכט מיך אונרוהיג, וואס מיין פאטער איז אוועקגעפאהרען א היים נאך ד׳ זעהר אין כעס און דיין טאטע איז דאכט זיך עפעס אויך זעהר אין כעס.

— נו זיינען זיי אין כעס, וואס קען איך זיי העלפען? איך ווייס אז איך בין ריין פאר גאט און פאר לייטען. ווייטער וואס זייער שלעכסטקייט און זייער פאנא־טיזמוס ברייננט מיט צו מאכען זיך פערדרוס, וואס בין איך שולדיג? ביי זיי קען אויסקומען א חטא, וואס איך קעם זיך אום שבת אדער וואס איך זיץ ווען ביי א גלעזעל משקה מיט א דייטשען, וואס איך שטעה מיט איהם אין געשעפט. קען איך דען לעבען אנדערש? קען מען דען פערלאנגען אז א יונגער מענש פון פינף און צוואנציג יאהר זאל לעבען וויא א זיבציג יאהריגער?

— איך האב אבער מורא, אז פון כעס זאלען זיי דיר וואס ניט אבטאן.

— עט! דערפאר האב איך קיין מורא ניט: א פאטער וויא שלעכט ער איז איז פארט א פאטער און קען קיין שלעכטעס ניט טאן. זיי רוהיג, מיין טהייערע, מיר האבען ניט וואס מורא צו האבען.

* * *

דא האט זיך אויפגעריסען האסטיג דיא טהיר, עס האט זיך געלאזט הערען שטארקע טריט אין פארצימער.. גראבע זידעלווערטער מיט מגושמדיגע קולות... עס זיינען אריין אין עסצימער פיר מענשען אין סערמיאגעס מיט רויטע גארטלען פערגארטעלט. הירש איז געווארען בלייך וויא א טוך; דיא לעפעל איז איהם ארויס־געפאלען פון האנד. ביילע כאה האט אויסגעשטויסען א הערצרייסענדע געשרייא, איז געפאלען אהינטער אויף׳ן קאנאפע, האט גענומען ציטערן וויא א בלאט. דאס קינד האט גענומען שרייען. דיא פיר מענשען זיינען געוועזען: מתיתיקע פוהרמאן, יענקעצקע דאנדע, ביינקע בורדוכס און פייפקע באכמאך, געוועזענע טרעגער און גנבים. היינט זיינען זיי כאפער, שטעהען כל׳ דעם מנהיג צו דינסטען. זיי זיינען געזונד און רויט, פער׳שיכור׳ט, האבען ביילען מיט צאראפינעס אויף זייערע פענימער, וואס זיי האבען געקראגען צוריק פון זייערע אפפער אויף וועלכע זיי בעפאלען. זיי טראַ־גען שטעקענס אין די הענד, איינער האלט שטריק אין האנד צו בינדען, דיא, וואס פאלגען זיי ניט.

— נרקא רעביאטא!—גיט א געשרייא באכמאך מיט א הייזעריגער, פער־שיכור׳טער שטימע—טרעט צו נעהענטער.... קוק נאר מעהר ניט, ער ווייזט אויס

נאָר וויא א איד.... לייכטער אויף'ן טיש...... עסט לאָקשען לכבוד שבת......

זעהר פיין.... ר' הירש! נו קום נאָלובציק אין חדר אריין.

הירש שטעלט זיך האסטיג הינטערן טיש צו אבאראנייען זיך, ציטערט און שרייט איהר האָט א טעות!

— איך האב גאָר קיין קעות ניט,—ענטפערט ער.—ווער קען דאס ניט הירשע טרפה! נו, רעביאטא, נעהמט איהם!

— איך בין א קופעץ.... איך בין דעם גלאסנעמס א זוהן.... איהר שמייעט מיר ניט צו אססארבלייען!

— נעה, טענה פאר דעם רבונו של עולם.... נו־קא, שעוועלים!

הירש כאפט צווייא לייכטער איןביידע הענד און שרייט: איך וועל אייך טאכען פאר קאליקעס!

— וואס א יונגאץ ניט קען!—שרייען דיא כאפער,—האלט דיא לייכטער אום שבת. ניט אומזאנסט רופט מען איהם טרפה.

זיי האבען זיך גענומען צו איהם. ער האט גענומען אויף זיי ווארפען דיא לייכטער מיט דיא ליכט, דיא שיסעל מיט טעלער, צוויי פון זיי האבען זיך בענאסען מיט בלוט. זיי זיינען איהם אָבער בעפאלען מיט וואוטה וויא דיא הונגעריגע וועלף האבען איהם אנידער געוואָרפען אן דער ערד, איינער האט אויף איהם ארויף געטראטען מיט דיא קניע, האבען איהם פערשטאָפט דיא מויל, ער זאל ניט שרייען און האבען איהם געבונדען דיא הענד מיט דיא פיס.

עס זיינען ארויף געקומען שכנים און זייערע ווייבער מיט קאָצערעס, ווילקעס, שטיינער, האבען דאס אלץ אין זיי געוואָרפען, דיא כאפער האבען דערלאנגט צו ריק מיט זייערע שטעקענס. עס איז געוואָרען א לארם, א געפילדער, דיא כאפער זיינען אוועק צובלוטיגטע, אבער זיי האבען מיטגעשלעפט דעם ארמען יונגען מאן אום ער זאל שוין מעהר צוריק ניט קומען צו זיין היים און צו זיין געליעבטע ווייב.

—דיא ארמע ווייבעל האט געחלשט.

---

### 5.

אויף מארגען, שבת, איז געווארען א טומעל, א ראזראך אין שטאדט, מען האט הירשע ווייסמאן, א יונגען מאן, א גניד, א למדן, א מיוחס, גענומען פאר א נפש. אלע פון קליין ביז גרויס ווארען העכסט אויפגערעגט. יענע יאהרען פלעגען

נעהן פאר א נפש פון ארמען און נידריגען שטאנד, ניט וויא היינט. זא איז אזא צופאל געווען א זעלטזאמע ערשיינונג. מען האט געוואוסט אז דאס איז דעם פא־טערס ארבייט, דען אז דער פאטער וואלט ניט וועלען וואלט קיינער ניט געוואגט גאר צו טראכטען וועגען דעם. אנדערע האבען איהם גענעבען גערעכט, דאס וועט זיין א מוסר פאר אנדערע יונגע מענשען, וועלכע פיהרען זיך ניט אויף ארענטליך. לאזען זיי זעהען אז עס איז דא א בייטש מיט וואס זיי צו שמייסען. אנדערע האבען דאס אבער געפונען פאר א גרויסע מערדערייא, נאר זיי האבען געמוזט שווייגען, דען וויא באלד זיי ריידען, זא זיינען זיי ניט בעסער פאר איהם, פאר דעם טרפה. מען האט גענומען ערצעהלען פון איהם דיא גרעסטע חטאים, וואס קיינער האט ניט געזעהן און פיעלע האבען זיך נאך בעמיהט דיא חטאים נאך צו בעפוצען און צו פערגרעסערן אום אלע זאלען זעהען וויא ווערט ער איז אזא שטראף.

שבת צו נאכט האט מען דעם ארמען יונגען מאן אטפראוועט אין ד. וואו עס פלעגט זיין דער פריאם פון דיא נפשות פון דיא קליינע שטעדט ארום. ביילע לאה איז אבנעלעגען א גאנצען טאג שבת א קראנקע. צו איהר ליבען מאן האט מען זיא ניט צוגעלאזען. זיא איז געגאנגען צו איהר שווער יעקב וויסמאן בעטען, האט ער מיט איהר ניט געוואלט ריידען. דעם זעלבען שבת צו נאכט האט זיא גע־נומען א פוהר (יעמאלט איז נאך דיא אייזענבאהן ניט געוועזען) און איז אויך אוועקגעפאהרען נאך ד. צו איהר פאטער ער זאל זיך איינשטעלען פאר איהר, און ער האט נעהאט א דעה.

זיא איז געקומען גראד ווען דער פאטער איז אריינגעגאנגען אין שטוב פון דאווענען. דאס וואר עלף אוהר אין דער פריה, דען ער וואר א איד א חסיד און פלעגט דאבנען שפעט. ער געהט אריין אין שטוב מיט דעם טלית זאק אונטער'ן ארעם, וואשט זיך און זעצט זיך עסען אנבייסען, גיסט זיך איין א גלאז בראנפען, טרינקט און בייסט צו מיט אפעטים.

עס נייט אריין ביילע לאה, וואנקט אויף דיא פיס. זיא איז בלייך, ציטערט, איהרע אויגען זיינען פערשוואלען פון וויינען.

— טאטע! דו ווייסט וואס פאר איין אונגליק מיר האט געשעהן!

— איין אונגליק, זאגסטו, א שפאס! זאגט ער גלייכגילטיג—ווייטער וואס ארט עס דיך? ניט דיך האט מען גענומען, ניט דיך וועט מען אבגעבען. דו וועסט בלייבען דערהיים.

— וואס רעדסטו, פאטער! ער איז דאך מיין מאן!

— דיין מאן, א שפאס! דוא וועסט נעהמען פון איהם נט און א מעשה מיט א סוף.

— פאטער, זעה רייד נים אזעלכע ווערטער,—האט זיא זיך נענומען ביי איהם בעטען.—ערבארעם זיך. זעה רעטע איהם!

— ראטעווען הירשקען! איך פערשטעה ניט וואס דוא רעדסט. ראטעווען א הולטייא, איין אפיקורוס, א קארטעזוניק; משוגע בין איך? עס קומט איהם דעם יונג.... לאז ער אבקומען פאר זיינע חטאים.

— זעה, ערבארם זיך, ער איז דיין איידעם.

— דער מאן מיר דאס נאר ניט, ביילה לאה. איך דארף נים אזוי איין איידים, וואס זאל מיר פערשווארצען דיא אויגען, אוים! איך בין דאס פאראכטאנען נאראצנע נעפאהרען נאך ד׳, אום צו זאגען זיין פאטער, אז איך וויל איהם אבגעבען און נעלייבט דער אויבערסטער, מיינע ווערטער האבען געמאכט א רושם. איצטער וועט ער דיר שוין נעבען גט, נישקשה, און דיר וועל איך נעבען א מאן איין עהרליכען אידען א נאטס-פארכטינגען.

